# נייער ספר „ברכת שלמה" – געווידמעט מלכות ראַדאָמסק

## אַ „קנקן חדש מלא ישן"

(אַרויסגעגעבן פון ר' דוד קאָשיצקי און ר' אברהם יששכר קראַקאָווסקי נ"י)

**• פון בעריש זשולטי, טאָראָנטאָ**

אקדמת מלין, דאַרף מען אויסדריקן אַ גרויסן יישר־כוח צו די „תרי צנתרי דדהבא", די איבן־דערמאַנטע ידידים ושרידי אנ"ש שיחי', וועלכע האָבן זיך אונ־טערגענומען אַזאַ גיגאַנטיש ווערק ללקט נפזרים — פון אַלע ארבע פנות העולם, צו געפינען דברי תורה און חידושים פון מרן האדמו"ר מראַדאָמסק זצ"ל און פון זיין איידעם אונזער גרויסן מנהיג רוחני און נשיא הישיבות „כתר תורה", ר' משה'לע זצ"ל. און עס אַרויסצוגעבן אין אַזאַ פּאַכטפולער פּאַרם.

דער גרויסער באַנד פון דעם ספר „ברכת שלמה" וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרויס פון דרוק אַנטהאַלט בערך 650 עמודים פון וועלכע איבער 500 זענען חידושי תורה און פלפולים פון די ירחונים פון די ראַדאָמסקער ישיבות, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין משך פון 10 יאָר צייט, תרפ"ט—תרצ"ט. דאָס איז געווען אַ צייט־אָפּשניט וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שפּיגל און דעם הויכפּונקט פון חסידות ראַדאָמסק אונטער דער הנהגה פון לעצטן רבי'ן זצוק"ל.

ווי די אַרויסגעבער זאָגן אין דער הקדמה, איז דער נאָמען פון ספר „ברכת שלמה", אַ חוץ וואָס ער איז געווען דער נאָמען פון רבי'ן ז"ל, איז אויך דאָס וואָרט „ברכת" מרמז אויף דעם וואָס סיי דער רבי און סיי דער איידעם ר' משה'לע זצ"ל זענען געווען כהנים און זייער ברכה איז געווען אויך אַ „ברכת כהנים".

ווען מען שפּאַצירט אַדורך די העכער 500 עמודים פון די איבערגעדרוקטע כתר־תורה־ירחונים פון דעם ספר זעט עס לכאורה אויס, ווי אַ „מרובה המחזיק את המועט", ווייל עס האָט צו טאָן נאָר מיט די אויביקע 10 יאָר צייט, אָבער ווען מען גיט אַ נענטערן בליק אויף די נעמען פון די באַטייליקטע אין די ירחונים זעט מען ערשט זייער אומגעהויערע באַדייטונג און זייער נצחיותדיקן ווערט. עטלעכע דורות פון גדולים און עילויים האָבן געהאַט אַ חלק אין די פלפולים אויף מסכתות, וואָס מען האָט דעמאָלט געלערנט אין די ישיבות „כתר־תורה" אין פּוילן און גאַליציע און וואָס האָבן אַרומגענומען טויזנטער תלמידים אין 40 שטעט.

כדאי דאָ צו דערמאָנען עטלעכע נעמען פון גאוני־עולם און זייערע תלמידים, וואָס די מאמרים און חדושי תורה פון די ירחונים זענען היינט דער איינציקער זכר פאַר זייער תורה־טעטיקייט און זייערע חריפות'דיקע פלפולים און חיות אין תורה (ואין מוקדם ומאחר): אונזער ראש־ישיבה פון „קיבוץ גבוה" אין סאָסנאָוויצע, ר' יאָשע לאַססער הי"ד; דער ראש־ישיבה פון „כתר תורה" פון טשענסטאָכאָוו־וואָלבראָם, ר' אברהם יששכר גאָטליב הי"ד; דער ראש־ישיבה פון „כתר תורה" אין קשאַנוב, מו"ר חיים טאָביאַס הי"ד; דער ראש ישיבה פון „כתר תורה" אין לאָדזש, ר' שמואל איילבוים הי"ד; דער באַקאַנטער גדול התורה און בעל־מחבר ר' אברהם ריינהאָלד ז"ל פון קראָקע; אַזאַ תלמיד־חכם מובהק ווי ר' ברוך־מאיר בענעט ז"ל פון אשפיצין; ר' יושע לעווקאָוויטש פון קשאַנוב הי"ד, אַ למדן מופלג מיט שו"ת פון גאונים צו אים; די צוויי זקני הדור, די דיינים פון קשאַנוב ר' שלום איינבערג און ר' נטע גאָלדבערג הי"ד; ר' דן וואַלד, דער ראש־ישיבה פון „כתר תורה" אין בענדין; די ראשי־הישיבה כתר תורה אין קראָקע, ר' נחמי' ראָזענפעלד, ר' שכנא מארגיל זצ"ל, ר' חיים שטייניץ הי"ד פון סאָסנאָוויצע, אַ גרויסער תלמיד־חכם און נאָענטער מקורב ביים רבי'ן זצ"ל, און זיין זון ר' יחזקאל שטייניץ, אַ תלמיד פון ר' משה'לע זצ"ל, אַ מלא וגדוש בתורה.

אגב, איז דער דערמאָנטער ר' יחזקאל געבוירן געוואָרן באַלד נאָך דער פּטירה פון רבי'נ'ס פאָטער דעם „כנסת יחזקאל". איז געווען דער שמועס ביי חסידים יודעי־חן, אַז די אַלע בחורים וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „יחזקאל" נאָכן „כנסת יחזקאל" זצ"ל זענען געווען באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט כשרונות פאַר חריפות און בקיאות. אַזוי איז למשל געווען אויך יחזקאל לאַנגער פון קשאַנוב הי"ד (אַ ברודער פון יבל"ח ר' יעקב לאַנגער) יחזקאל אַבראַמטשיק ע"ה פון סאָסנאָוויצע (אַ ברודער פון הרב מרדכי אַבראַמטשיק) ויבדלו לחיים: ידידי ר' יחזקאל קאָרנוואַסער נ"י וואָס געפינט זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, איז געווען שטאַרק באַטייליקט אין די ירחונים, און ידידי הרב ר' יחזקאל גרובנער שליט"א פון דעטראָיט, וועלכער האָט רעדאַגירט אַ גרויסן טייל פון די כתר־תורה אויסגאַבע, און וועמענס הקדמה צום ספר „ברכת שלמה" איז זעהר אַ געלונגענע. נאַטירלעך זענען די אויבן אויסגערעכנטע נישט סתם נעמען פון תלמידי חכמים, נאָר דאָס זענען געווען שטאַרקע זיילן אין דער פעסטונג פון תורה ועבודה, וואָס דער ראַדאָמסקער הויף האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

פאַר די שרידי האש און פאַר דעם פאַרבליבענעם הייפעלע תלמידים און אנ"ש פון דעם אַמאָליקן ראַדאָמסק וועלן זיך אויפדעקן ביים בלעטערן דעם ספר „ברכת שלמה" גאַנצע שטיקער לעבן פון גלאָררייכן עבר. נישט נאָר האָט איר דאָ תשובות פון אַזעלכע גדולי הדור ווי ר' מאיר אריק זצ"ל, דער „אהל משה" זצ"ל, דער אַמסטיבער רב זצ"ל, וועלכער איז געווען דעם לעצטן רבי'נ'ס רבי בנגלה (אגב פון די שאלות ותשובות זעט מען דאָס געוואַלדיקע חריפות פון רבי'ן זצ"ל); ניט נאָר געפינט איר דאָ חידושי תורה פון די פריער דערמאָנטע ראשי־ישיבה און אויסגערופענע לומדים, נאָר איר האָט אויך דאָ פאַר זיך חידושי־תורה פון פילע יונגע תלמידים פון די ישיבות „כתר תורה", וואָס מאַכן אייך שטוינען מיט זייער בקיאות און חריפות.

דער רבי זצ"ל פלעגט אַליין מעורר זיין אין דער הקדמה צו די ירחונים, אַז דער „קנאת סופרים" וועט שאַפן אַ גרויסן חיזוק פאַר לימוד התורה. אַזוי איז עס טאַקע געווען. מען פלעגט אין די ראַדאָמסקער שטיבלעך אויסקוקן מיט נייגעריקייט אויף יעדן נייעם עקזעמפּלאַר פון כתר תורה־ירחון.

ליידער זענען רובא־דרובא פון די משתתפים אין ירחון אויך די תלמידים נישט מער מיט אונז והי"ד, איז לכה"פ וויכטיק צו דערמאָנען די וועלכע געפינען זיך יאָ ב"ה. דער מעט מזעיר וואָס איז מפוזר ומפורד צווישן מדינות און קאָנטינענטן און וואָס זייערע חידושים זענען דאָ געדרוקט. „מצוה לפרסם עושי מצוה" זאָגט אַ תשובת הרשב"א, ווילן מיר דאָס מקיים זיין, ואלה יעמדו על הברכה:



דער ראַדאָמסקער רבי זצ"ל, אין באַגלייטונג פון מקורבים. נעבן רבי'ן (לינקס) דער באַקאַנטער לאָדזשער חסידישער אינדוסטריעלער און כלל־טוער ר' דוד שטאַביל. רעכטס (פאַרשטעלט) איז דעם רבי'נ'ס איידעם, דער גאון ר' משה'לע הי"ד

ידידי ר' יעקב מנחם לאַנגער נ"י — אַ שריד פון אַ גרויסער און אָנגעזעענער משפחה לומדים און ראַדאָמסקער חסידים אין קשאַנוב. ועל הטוב יזכר, ער איז געווען דער ערשטער צו איבערדרוקן דעם „תפארת שלמה" באַלד נאָך דעם קריג.

ידידי הרב מרדכי אַבראַמטשיק נ"י, זיין פאָטער ר' יוסף הי"ד איז געווען פון די געציילטע תלמידי חכמים אין סאָסנאָוויצע און אָדוק אין רבי'ן זצ"ל בכל נימי אהבה. ער פלעגט פאַרהערן די בחורים פון קיבוץ גבוה. ר' מאָטל אבראַמ־טשיק איז געווען בייהילפיק ביים אַרויסגעבן דאָס ערשטע ספר פון רבי'ן זצ"ל „שבחי כהן" פון ידידי הרב ר' יחזקאל בעססער נ"י.

ידידי ר' יששכר מרדכי דוב קאָרנוואַסער נ"י, אַ זון פון ר' אליעזר קאָרנוואַסער הי"ד פון סאָסנאָוויצע און אַ שטאַרקער מקורב פון ראַדאָמסקער רבי'ן זצ"ל.

ידידי ר' יצחק זאַנדער נ"י, איינער פון די אָנפירער פון כולל „כתר תורה" אין בני־ברק, אַ זון פון ר' משה שוחט פון די נכבדים פון טשענסטאָכאָוו.

ידידי ר' יצחק אלחנן גאָטליב נ"י, שטאַמט אויך אָפּ פון טשענסטאָכאָוו. איצט אַ חשובער מחנך אין ניו־יאָרק.

ידידי ר' אהרן לייבוש שטאָהל נ"י, אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן תורה־עסקן און חסיד, ר' דוד שטאָהל פון לאָדזש הי"ד, וואוינט איצט אין עליזאַבעט.

ידידי ר' ישראל גראַומאַן, נ"י, אַ מצוין אין קיבוץ גבוה בימים ההם, מען האָט אים גערופן ישראל צעמצעמינער.

ידידי ר' אברהם דוד סטזשעגאָווסקי נ"י פון קראָקע. אויך אַ תלמיד מופלג פון „קיבוץ גבוה".